# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 19 • דאנערשטאג, י"ד טבת תשפ"ז • 24סטן דעצעמבער 2026 • פרשת ויחי

וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶל בָּנָיו וַיֹּאמֶר הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם

בראשית מט, א



אין דעם נומער

**פונעם אייביקן קוואל: ויחי**
מ. אלקין • לכבוד שבת

**צוואה פונעם זיידן — מוז מען פאלגן?**
שערי יושר • הלכה

**דעם רמב"ם'ס סדר היום**
צדיקל • אנשי שם

**„בקש לגלות את הקץ“**
א שמועס אויף דער סדרה

**ווען איז ניטל?**
קאך_לעפל • וויסנשאפט

**הספדים אויף א מנהל**
פענסטער • הומאר

# ארכיוו

נומער 19 • דאנערשטאג, י"ד טבת תשפ"ז
24סטן דעצעמבער 2026 • פרשת ויחי


הקדמה

# „חזק חזק ונתחזק“

טייערע לייענער,

מיט פרשת ויחי ענדיגט זיך ספר בראשית, און דעם שבת וועט מען אין שול אויסרופן „חזק חזק ונתחזק“. יעקב אבינו רופט צונויף זיינע קינדער, בענטשט יעדן איינעם באזונדער, און בעט מען זאל אים נישט באגראבן אין מצרים. דאס נומער גייט נאך די דאזיגע פעדעם: ברכות, צוואות, קבורה, און דער „קץ“ וואס יעקב האט געוואלט מגלה זיין.

דער הויפט־ארטיקל, „פונעם אייביקן קוואל“, איז א קורצער מאמר וואס „לאנדסמאן“ האט אין 2009 איבערגעדרוקט אויף היידפארק. ער ערקלערט פארוואס יעקב'ס ברכות בלייבן אייביג אקטועל, און וואס רבי יוחנן מיינט מיט „יעקב אבינו לא מת“.

רש"י זאגט אז יעקב האט געוואלט מגלה זיין דעם קץ, און די שכינה האט זיך פון אים אוועקגענומען. אויף קאווע שטיבל האט מען זיך געטענה'ט צי מען מעג מען רעכענען דעם קץ, און פארוואס דער רמב"ם, וואס הייסט נישט רעכענען, ברענגט אין איגרת תימן אליין א „קבלה“ אויף א יאר. דעם רמב"ם'ס יארצייט, כ' טבת, פאלט אויס די וואך, און אין „אנשי שם“ לייענען מיר זיין אייגענעם בריוו וועגן זיין טאג ביים קעניג און ביי די קראנקע.

יעקב און יוסף לאזן איבער צוואות; די הלכה־שמועס פרעגט צי א יידנ'ס צוואה מחייב די אייניקלעך. ניטל־נאכט פאלט אויס היינט, דאנערשטאג ביינאכט, און אין „תורה און וויסנשאפט“ ערקלערט „קאך_לעפל“ פארוואס עס זענען דא צוויי ניטלען, און ווי די מחלוקת פון שמואל און רב אדא שפיגלט זיך אפ אין די צוויי קאלענדארן. פאר הומאר: ווען דער מנהל „פענסטער“ האט אין תשס"ו אפגעטרעטן, האט דער עולם אים „מספיד“ געווען – מיט „ויחי יעקב“ און „יעקב אבינו לא מת“.

ווי אלעמאל: „היינט מיט . . . יאר צוריק“, די יארצייטן פון דער וואך, פערל פון די ארכיוון און די תגובה פון דער וואך. ביי יעדן שטיקל שטייט פון וואנעט עס קומט, דער ניק פונעם שרייבער, און ווען עס איז געשריבן געווארן. די ווערטער זענען זייערע; מיר האבן מגיה געווען דעם אויסלייג און די גראמאטיק, און וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט „[פארקירצט]“. וואו די רעדאקציע האט עפעס צוגעלייגט, שטייט „[רעד.: ...]“.

א גוט שבת, און חזק!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| לכבוד שבת קודש | פונעם אייביקן קוואל: ויחי • מ. אלקין | 3 |
| שמועסן אויף דער סדרה | „בקש לגלות את הקץ“ – מעג מען רעכענען דעם קץ? • כרם זית, מי אני, מנחם ציון און אנדערע | 4 |
| הלכה־שמועס | צוואה פונעם זיידן – מוז מען פאלגן? • שערי יושר, berlbalaguleh, וואלווי און אנדערע | 7 |
| תורה און וויסנשאפט | ווען איז ניטל? – יוליוס, גרעגארי און שמואל'ס תקופה • קאך_לעפל | 9 |
| אנשי שם • צו כ' טבת | „ואני שוכן במצרים“ – דעם רמב"ם'ס סדר היום • צדיקל און אנדערע | 12 |
| הומאר | „ויחי יעקב“ – הספדים אויף א מנהל • התאחדות, פענסטער, קרעמער און משנה_למלך | 13 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 16 |
| לוח | יארצייטן פון דער וואך • כינר1 | 19 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 20 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • מי אני | 22 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 23 |

לכבוד שבת קודש

# פונעם אייביקן קוואל: ויחי

„לאנדסמאן“ האט אויף היידפארק אין דער וואך פון פרשת ויחי תשס"ט איבערגעדרוקט דעם מאמר פון דער צייטונג „פארווערטס“, פון דער סעריע „פונעם אייביקן קוואל“. מיר האבן אים איבערגעשריבן אין אונזער אויסלייג, און די פינטלעך און שטריכלעך.

פון **מ. אלקין** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

היידפארק • האלט דא טראכט מען • „פרשת ויחי“ • 12טן יאנואר 2009
https://hydepark.sites.tab.bot/t/2556862.html#p-2556862

"ויחי יעקב בארץ מצרים", און יעקב האט אפגעלעבט זיינע לעצטע 17 יאר אין מצרים. פאר זיין טויט, האט ער צוגערופן צו זיך זיינע קינדער, און געגעבן יעדן פון זיי א באזונדערע ברכה.

ווי מיר האבן שוין באהאנדלט אין די פריערדיגע פרשה-ארטיקלען, בלייבן אלע מעשיות אין דער תורה אייביג אקטועל, און קענען אפגעטייטשט ווערן אויף א פילאסאפישן און פסיכאלאגישן אופן. א ריי פאריגע סדרות שטעלן דעם אקצענט אויף די באציאונגען צווישן יהודה און יוסף. יהודה רעפרעזענטירט די פעאיגקייט אנצונענען אינדיווידועלע באשלוסן, און יוסף — צו פאלגן דעם באשערטן גורל.

מע קען זאגן, אז אין דער היינטיגער סדרה ווערט דער דאזיגער שמועס פארברייטערט נאך ווייטער. די היינטיגע פרשה באשטייט, על־פי־רוב, פון די ברכות, וואס יעקב אבינו האט געגעבן זיינע קינדער, ווי אויך יוסף'ס צוויי זין, אפרים און מנשה.

אינעם טעקסט פון די דאזיגע ברכות ווערן דערקלערט, בדרך־רמז, די באזונדערע מעלות און ראלעס פון יעדן אידישן שבט. זיי זענען אויך מרמז אויף פארשיידענע אספעקטן פונעם לעבן און פסיכאלאגישע ארכעטיפן, וועלכע שטעקן אין יעדער מענטשליכער נשמה. דערפאר בלייבן יעקב'ס ברכות אייביג אקטועל פאר אלעמען — אויב מע פארשטייט טאקע זייערע טיפע סימבאלישע רמזים.

הגם יעדער שבט האט רעפרעזענטירט א געוויסן לעבנס־שטייגער און קוקווינקל, האט יעקב אבינו אליין מיטאמאל געטראגן אין זיך די פארשיידנארטיגע שטריכן פון אלע 12 שבטי־ישראל (אדער 13, אויב מע רעכנט אפרים און מנשה באזונדערס).

יעקב ווערט פארגליכן מיטן "בריח התיכון" — א לאנגער גראדער שטעקן, וואס האט געקענט ארומנעמען, בדרך־נס, דעם גאנצן משכן פון אלע זייטן. א טייל מפרשים האלטן, אז דער "בריח התיכון" איז געווען יעקב'ס שטעקן, וואס מיט זיין הילף פלעגט ער אריבערגיין דעם ירדן.

די מפרשים דערקלערן, אז יעקב אבינו האט מיט זיך פארגעשטעלט די מידה פון אמת. די עכטע מידת־האמת איז מסוגל צו פאראייניקן קעגנזייטיגע ענינים, אפילו אזעלכע, וואס זעען אויס ווי היפוכדיגע, אין איין הארמאנישער גאנצקייט.

די חז"ל האבן געקענט אויפווייזן אויף 49 אופנים, ווי עס שטייט אין גמרא, אז "טמא איז טהור, און טהור איז טמא". רבי יונתן אייבעשיץ האט דערקלערט, אז דאס איז געווען א סימן פון זייער אויסגעצייכנטקייט אין מידת־האמת, הגם, אויפן ערשטן בליק, זעט אויס אזא צוגאנג ווי א גאנצער היפוך פון דער דאזיגער מידה. לויט דעם באקאנטן אויסדרוק, זאגן דווקא ליגנער און עקשנים, אז "שווארץ איז ווייס, און ווייס איז שווארץ".

פאר ס'רוב מענטשן איז עס טאקע אזוי. די חז"ל פלעגן, אבער, נעמען אין באטראכט אלע מיינונגען און אפטייטשן, כדי צוצוקומען צו דעם אמת. יעקב אבינו האט משיג געווען א גאר הויכע מדרגה פון עולם־האצילות — די גייסטיגע וועלט, וואו די געוויינטליכע סתירות און חילוקים ווערן בטל אין דער ג־טליכער איינהייט. אזוי ווי דער "בריח התיכון", וועלכער האט געקענט בלייבן גראד און ארומנעמען, מיטאמאל, אלע זייטן פונעם משכן, אזוי איז יעקב געווען מסוגל ארומנעמען מיטאמאל אלע אספעקטן פון דער וועלט, און נישט ווערן דערביי "פארקרימט". דאס ווארט "אמת" גופא באשטייט פונעם ערשטן, מיטעלן און לעצטן אות פונעם אלף־בית. דאס איז מרמז אויף הארמאניע, פילזייטיגקייט און פילדייטיגקייט פון אן עכט־טיפער השגה.

נאך אלע ברכות פאר יעקב'ס קינדער, שטייט אין דער היינטיגער פרשה: "ויגוע ויאסף אל עמיו" — "און זיין צייט האט זיך פארענדיגט, און ער האט זיך פאראייניגט מיט זיין פאלק". צוליב דעם אומגעוויינטליכן אויסדרוק פונעם דאזיגן פסוק, האט דער תנא רבי יוחנן געזאגט, אז יעקב איז נישט געשטארבן. די אנדערע חכמים האבן אים געפרעגט: ביים סוף פון דער פרשה שטייט דאך

בפירוש, אז מע האט אים באוויינט, באלזאמירט און באערדיגט. רבי יוחנן האט זיי געענטפערט: "מקרא אני דורש" — "איך טייטש אפ די פסוקים".

א טייל מפרשים האלטן, אז יעקב אבינו איז טאקע נישט געשטארבן. א ריי אנדערע מיינען, אז ס'איז אן אלעגאריע. די צדיקים ווערן פארערכנט נאך זייער טויט פאר לעבעדיגע, ווייל זייער השפעה בלייבט אין דער וועלט, און ווערט אפילו שטארקער נאכן פיזישן טויט. מע וואלט עס, אבער, געקענט זאגן וועגן יעדן גרויסן צדיק. פארוואס האט עס רבי יוחנן באטאנט דווקא וועגן יעקב'ן?

די געוויינטליכע מענטשליכע באגריפן זענען נישט מסוגל ארומצונעמען אלע זייטן פון דער ווירקליכקייט. דער "עכטער אמת" בלייבט העכער פון אלע באגריפן. אויב מע טראכט זיך אריין, זענען אפילו אזעלכע יסודותדיגע ענינים, ווי לעבן און טויט, קעגנזעצליך פארבונדן, און קענען נישט תמיד צעטיילט ווערן אויף א קלארן אופן. דערפאר לאזט זיך די פרשה וועגן יעקב'ס פטירה אפגעטייטשט ווערן אויף אזא אופן, מחוץ דעם קאטעגארישן חילוק צווישן לעבן און טויט, כדי אנצווייזן אויף יעקב אבינו'ס הויכער השגה פון אמת.

---

**שמועסן אויף דער סדרה**

# „בקש לגלות את הקץ“ – מעג מען רעכענען דעם קץ?

רש"י אויף „האספו ואגידה לכם“: יעקב האט געוואלט מגלה זיין דעם קץ, און די שכינה האט זיך פון אים אוועקגענומען. אויף קאווע שטיבל האט „כרם זית“ געשטעלט א קשיא אויפן רמב"ם אין איגרת תימן, און דער עולם האט זיך אנגעשלאסן – אויך יארן שפעטער.

פון **כרם זית, מי אני, מנחם ציון און אנדערע** • איסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „מחשבי קיצים“ • 13טן אויגוסט 2020 – 25סטן דעצעמבער 2023

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14109.html#p456414

---

**כרם זית** • 13טן אויגוסט 2020

הגם איך וועל נישט דא אריינגיין אין דעם נושא פון מחשב זיין את הקץ, נאר בעיקר אראפשרייבן א מהלך צו פארענטפערן דער רמב"ם אין איגרת תימן.

[פארקירצט]

דער הייליגער רמב"ם שרייבט אין זיין בריוו צו די טייערע אידן אין תימן איבער דער הארבקייט פון אויסרעכענען דעם זמן הגאולה. דער רמב"ם טענהט אז דער קץ איז נישט מעגליך צו וויסן, מקל וחומר. מה דאך גלות מצרים וואס די אידן האבן קלאר געוויסט אז מגייט אין גלות נאר פאר 400 יאר האבן זיי נישט געוויסט פון ווען די 400 הייבט זיך אן (וואס למעשה האט זיך עס אנגעהויבן פון ווען די אבות זענען געבוירן), איז זיכער די יעצטיגע לאנגע גלות וואס אינז האבן ניטאמאל די אנהייב פון דעם שטריק, דהיינו וויפיל יאר די גלות וועט זיין, איז זיכער אז מען קען נישט וויסן איר צייט.

דער רמב"ם איז ממשך און פרעגט פון א מעשה רב אז מזעט אז רבינו סעדיה גאון האט יא געשריבן א זמן גאולה. און ער פארענטפערט אז עס איז געווען א הוראות שעה אריינצובלאזן האפענונג אין די מוטלאזע אידן, אבער אינאמתן איז עס נישט קיין היתר. עס איז כדי צו זען זיין לשון הזהב:

„ואנו דנים את רב סעדיה גאון לכף זכות ונאמר שמא – מה שהביאו לעניין זה, ואף על פי שהיה יודע שהתורה אסרה זה, לפי שהיו בני דורו בעלי סברות רבות נשחתות, וכמעט שתאבד תורת ה' לולא הוא ע"ה... וראה בכלל מה שראה בדעתו לקבץ המון העם על דרך חשבון הקיצים כדי לאמץ אותם ולהוסיף תוחלתם והוא התכוון בכל מעשיו לשם שמיים.“

דער פלא איז אבער אז עטליכע בלעטער שפעטער אין דעם בריוו שרייבט דער רמב"ם אליין א מסורה וועלכע ער האט מקבל געווען פון זיינע עלטערן (בדרך אגב: אין אגרת תימן הוצאות מוסד הרב קוק ווערט צוגעצייכנט א ירושלמי וואס

זאגט די זעלבע זאך. שפעטער וועל איך מסביר זיין פארוואס דער רמב"ם ברענגט נישט די ירושלמי לפע"ד), א זאך וועלכע זעט אויס קאמיש ביז גאר. דא שרייסטו אז מען טארנישט מחשב זיין דעם קץ, און דא...

„אבל יש אצלנו קבלה גדולה ונפלאת, קבלתי אותה מאבי שקבל מאביו ומאבי אביו והוא קיבל הדבר וכן הדבר עד תחילת הגלות של ירושלים... שזה שאמר בלעם במדבר כ"ג כ"ג "כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל אל", יש בו סוד, שמן העת ההיא יש לחשב כמנין שיש משׁשת ימי בראשית ועד אותה העת, ותחזור הנבואה לישראל. ואז יאמרו להם הנביאים "מה פעל אל". ונבואה זו נאמרה בשנת הארבעים לצאתם מארץ מצרים, ותמצא התחלת החשבון עד אותה העת אלפים ותפ"ח שנה, שהסימן "בתפ"ח גאולים". ולפי ההיקש הזה והפירוש הזה תחזור הנבואה לישראל בשנת ארבעת אלפים תתקע"ו ליצירה. ואין ספק שחזרת הנבואה היא הקדמת המשיח, שנאמר יואל ג' א' "ונבאו בניכם ובנותיכם" וגומר. זהו יותר אמתי מכל חשבון שנאמר בשום קץ."

עס זענען געווען אזעלכע וועלכע האבן געוואלט מסביר זיין די הנהגה פון דעם רמב"ם מיט די זעלבע כף זכות וואס דער רמב"ם זאגט אויף רבינו סעדיה גאון (וואס מטוט פאר יענעם טוט מען פאר זיך...), אז דער רמב"ם האט געפילט אז די אידן אין תימן דארפן חיזוק אין דעם משיח, ממילא וועט ער זיי מגלה זיין דעם קץ. דער תירץ האט מיר קיינמאל געפאלן בעיקר ווייל דער רמב"ם וואלט קיינמאל נישט סותם געווען אין איין בריוו.

אבער נאכן אריינטראכטן איז מיר בע"ה איינגעפאלן א פשוטע חילוק. עס איז דא חישב הקץ - עס אויסרעכענען. און עס איז דא א מסורה וועגן דעם קץ. דער איסור פון חז"ל - אויסצורעכענען דעם קץ - ווי דער רמב"ם אליין מסביר איז - ווייל ווער זאגט אז דו ביסט גערעכט? אפשר האסטו זיך טועה געווען ווי רבים וטובים ממנו און דו ברענגסט אריין פאלטשע האפענונג אין א אידן. מה שאין כן א מסורה וועלכע גייט צוריק ביז זמן חרבון המוקדש איז נישט קיין שום פראבלעם פון אויסרעכענען, דער רמב"ם האט באמת געהאלטן אז עס איז די אמת. וק"ל.

[ולפי זה פארשטייט מען שוין פארוואס דער רמב"ם ברענגט אראפ דעם זמן אלס א מסורה פון זיין משפחה בשעת ווען עס איז אן אפענע ירושלמי. בפרט דער רמב"ם וועלכע איז דאך געווען בקי אין ירושלמי און בויט אסאך הלכות אויף דעם אין משנה תורה. דער תירץ איז ווייל דער ירושלמי זאגט נאר א סימן אוסצו'חשבנ'ען פון דארט (וז"ל הירשלמי שבת פ"ו ה"ט: אמר רבי חנינא בריה דרבי אבהו: כבחצי ימיו של עולם היה אותו רשע [=בלעם] עומד. מאי טעמא? כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל אל.), וואס דאס איז אסור. משא"כ דער רמב"ם האט מקבל געווען פון זיינע עלטערן די פירש הירשלמי אז דאס איז בשנת תתקע"ו.]

**מי אני** • 13טן אויגוסט 2020

עס איז אינטרעסאנט צוצוצייכענען אז אין דער פילאזאפיע/עפיסטעמאלאגיע פונעם רס"ג זעלבסט לייגט ער צו צו די דריי וועגן פון ווי אזוי מ'קען וויסן א זאך על בוריו, דהיינו ידיעת הנראה, מדע השכל, וידיעת ההכרח, לייגט ער צו א פערדע דהיינו אויך קבלה/הגדה הנאמנת [מנביאים וכו'] אליין. ולפי"ז גייט טאקע ארויף דאס איסור פון חישוב הקץ אויף די ערשטע וועגן פון "וויסן" אבער נישט אויף דעם לעצטן וועג פון קבלה.

**מנחם ציון** • 13טן אויגוסט 2020

איז דען דער רמב"ם נישט א קץ על פי חשבון?
ער האט עס במסורה? נו גוט איז זיין זיידע געווען א מחשב את הקץ
פון ערגעץ איז עס געבוירן און פון דאן איז עס געווארן א מסורה

**כרם זית** • 14טן אויגוסט 2020

גוט געפרעגט. אבער דער רמב"ם איז מייחס די מסורה איש מפי איש ביזן חורבן, ממילא קען זיין אז עס קימט בקבלה פון א נביא און נישט פון איינער וועלכע האט עס אויסגעחשבנט.

**חתן בחור** • 14טן אויגוסט 2020

טאמער קומט פון א נביא וואלט עס געווען אמת.

**מנחם ציון** • 14טן אויגוסט 2020

פארדעם איז עס טאקע נאר א מסורה נישט קיין קראנטע זאך, און ווען עס איז געקומען למעשה האט זיך עס ארויסגעשטעלט אלץ נישט ריכטיג
איי אין אדם מוריש שקר לבניו? קען זיין אז בעצם איז דער מסורה ריכטיג, נאר ערגעץ ווי האט איינער נישט גוט איבער געגעבן די קבלה, און עס איז פארדרייט געווארן

**כרם זית** • 14טן אויגוסט 2020

מיר האט אויך געבאדערט די נקודה, אבער אויסער דעם וואס מנחם ציון ענטפערט קען זיין אז עס איז דאן באמת געווען א שעת הכושר, אזוי ווי מזאגט נאך פון גרויסע אויף אנדערע זמנים.

**אישתישבי** • 16טן אויגוסט 2020

דיין פשט אין רמב"ם איז לכאורה דער אמת, א מסורה מעג מען איבערגעגעבן, אליין חשבון'ען האט ווייניגער זין. הגם, דער טעם וואס דער רמב"ם גיבט אן איז נישט אזוי שטארק, וויל מהיכי תיתי אז מען האט נישט געוויסט אין מצרים זאל מען היינט נישט קענען וויסן, אויב איינער מאכט א חשבון איז דאך די מציאות אז ער באזירט עס אויף עפעס.

בכלל איז דער גאנצע אגרת תימן נישט געשריבן לויט דעם רמב"ם.

דער אמת'ער סיבה פארוואס די מחשבי קיצין זענען ראנג, וויל וואס איז די תועלת? דער אחכה לו ווערט נישט גרינגער ווען איך מאך א חשבון אז עס גייט זיין אין הונדערט יאר פין היינט. וואס האט דער קאמארנער געהאט פין זאגן אז עס קומט תשל"ו? אז די וואס האבן אים געגלייבט האבן געהאלטן פין אים מער? עס איז סתם א קאפ פארדרייעניש אן קיין פאזיטיווער רעזולטאט.

עס קען זיין דער רמב"ם האלט אויך בעצם אזוי, נאר ווען ער שרייבט צו די תימן'ר תמימות'דיגע אידן, שרייבט ער זייער שפראך. און אזוי איז לגבי כמה זאכן וואס ער שרייבט אין אגרת תימן.

**berlbalaguleh** • 11טן יוני 2023

אויף שנת ת"ח (1648) האבן א סאך צדיקים געזאגט אז ס'וועט זיין א שנת פקידה. מיט א רמז פון פסוק בזאת יבוא אהרן. בשנת זא"ת (ת"ח) יבוא אהרן אל הקודש. נו, אונז אלע וויסן דאך וואס איז געשען אין שנת ת"ח און ת"ט. די שרעקליכע פאגראמען פון די באנדעס פון כמעלניצקי ימ"ש. אין אוקריינע.

אין די לעצטערע צייטן זענען געווען צדיקים וואס האבן געזאגט אז שנת תרצ"ה (1935) וועט משיח קומען. מיט א רמז אויפ'ן פסוק אז תרצ"ה הארץ את שבתותיה. און א סאך צדיקים האבן פאראויסגעזאגט אז די גוים אליינס וועלן שרייען צו די אידן אז זיי זאלן גיין קיין ארץ ישראל. ווי די פאלאקן, ימח שמם וזכרם האבן טאקע געשריגן צו די אידן..."זשידזשי דא פאלעסטינע"...אידן, גייטס קיין פאלעסטינע...(zidzy do palestina)

**ודברת בם** • 14טן דעצעמבער 2023

ס'איז דא א קץ, אבער דער קץ פון אן ארימאן אויף אן אייזעל גייט אלץ זיין "שפעטער".

**אסטיון** • 21סטן דעצעמבער 2023

די רמב"ם שרייבט נישט ווען די גאולה גייט זיין ער האט נאר געשריבן א צייט ווען נביאה גייט צוריק קומען צי כלל ישראל וואס דאס איז א הקדמה צי די גאולה אבער ס'קען זיין אז ס'דא א לאנגע צייט צווישן די צוויי משא"כ רבינו סעדיה גאון האט געשריבן ווען די גאולה גייט זיין און דאס איז שוין מחשב הקץ

**די קעפעלע** • 25סטן דעצעמבער 2023

תשובה לדבר היאך מצינו כי רבים מן הקדמונים ובינהם תנאים ואמוראים ערכו חישוב הקץ?

מצאנו בדברי המהר"ל מפראג בספרו נצח ישראל וזה לשונו: "תפח רוחן של מחשבי קיצין... תדע שכל מה שאמרו חכמים בענין הקץ לא שהיו גוזרים שכך היה בודאי באותו זמן ובאותה שעה, רק שגלה לנו זמן מוכן שראוי שיהיה בו הקץ... הקץ הוא מהדברים הנעלמים אשר אי אפשר שיהיה נגלה בברור"

הלכה־שמועס

# צוואה פונעם זיידן — מוז מען פאלגן?

יעקב און יוסף לאזן איבער צוואות, און די קינדער פאלגן. אבער ווי ווייט גייט „מצוה לקיים דברי המת“? מחייב א זיידנ'ס צוואה וועגן קליידער און מנהגים אויף די אייניקלעך?

פון **שערי יושר, berlbalaguleh, וואלוי און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „צוואה פונעם זיידען“ • 18טן–19טן אפריל 2023
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16072.html#p521612

**שערי יושר** • 18טן אפריל 2023

מען הערט פון אסאך משפחת וואס האבן קפידות וואס קומט פון א צוואה פון זייער זיידן. זייער אסאך איז לגבי קליידער חומרות אין צניעות קאפ צודעק וכדומה.

אזא צוואה איז מחייב די אייניקלעך? אדער איז עס א געפילישע זאך?

**זיצער** • 18טן אפריל 2023

וואס פאר א חיוב קען זיין?

דאר וואס ס'שטייט מצוה לקיים דברי המת, לויט וואו איך געדענק פון ראשונים (ר"ת, תשבץ, ועוד) איז נאר אלס חלק פון ירושה, און גייט נאר אן פאר יורשים (דאס הייסט, אפי' נישט זאכן וואס זענען נישט אין דער ירושה, נאר ווייל דו ביסט א יורש ביסטו מחייב) צו אלס חסד צו אלס אן אנדערע חיוב, אבער פאר אייניקלעך? וואס איז שייך מחייב זיין?

**וואלוי** • 18טן אפריל 2023

געפיליש.

אין אדם אוסר דבר שאינו שלו. פאלגן א צוואה איז נאר וואס ער טוט מיט זיך און זיינע חפצים, אבער נישט מיט יענעם און יענעם'ס חפצים.

ס'איז אבער גוט צו האבן גילט געפילן אז מ'גייט נישט אויפן דרך פון זיידן...

אפשר איז דא עפעס מצות כיבוד אב פאר קינדער.

@ליטוואק פון בודאפעסט אלערט

**berlbalaguleh** • 18טן אפריל 2023

דער לבוש דארף איינעם מחייב זיין (זיך צו אויפפירן אויף א העכערן, איידעלן וועג. מער ווי דער פראסטער המון עם.) אויב איינער קען זיך נישט האלטן צו די מדריגות וואס ס'פאדערט זיך, איז בעסער אז ער/זי גייט נישט מיט דעם לבוש. טראץ די צוואה פונ'ם זיידן.

**שערי יושר** • 18טן אפריל 2023

סאיז געוועגטליך די זעלבע מענטשן וואס לאזן איבער א דירה אין די פראדזשעקס און צוועלף שטיקלעך זילבער פאר דרייצן קינדער, די זעלבע וואס לאזן איבער א fashion צוואה פאר די קינדער און אייניקלעך...

**שערי יושר** • 18טן אפריל 2023

די נקודה איז אז מענטשן וואס זענען געווען גראבע בעל עבירה'ניקעס, ווערן אלט און דעקלערן זיך שיינע אידן, און בעפאר זיי פעקלען זיך אפ שרייבן זיי א לאנגע מגילה מיט נערישע חומרות און בויכווייען וואס די אייניקלעך דארפן נאכטאנצן ביז היינט

**מרדכי מרדכי** • 18טן אפריל 2023

ווענדט זיך מסתמא ווער דער זיידע איז געווען.

גראדע זעט מען אז דער עולם איז מקפיד אויף צוואת ר' יהודה החסיד, וואס זאל עס זיין אנדערש?

**berlbalaguleh** • 18טן אפריל 2023

[פארקירצט]

א סאך פון די סעיפים פון די צוואה פון ר' יהודה החסיד זענען פשוט זייער לאגיש און פראקטישע עצות צום לעבן. נאר ער האט עס מסמיך געווען אויף פסוקים און מאמרי חז"ל.

אויך. די צוואה פונ'ם חת"ם סופר וואס ער האט געלאזט פאר זיינע קינדער און אייניקלעך איז זייער שיין. און א דבר השווה לכל נפש...!

**מתבודד** • 18טן אפריל 2023

טרעף מיר א ציידע אזוי ווי ר' יהודה החסיד העמיר רעדן... און צוואת ר"י החסיד פאלגט מען נישט אלס ציידע.

--

אה, ברוך שכוונתי צום ציידע פון שטיבל.

**שערי יושר** • 18טן אפריל 2023

ר' בערל: האסט שוין געשריבן צוואה?

**וואלוי** • 18טן אפריל 2023

ווער באקריגט דאס בייטש?

**berlbalaguleh** • 18טן אפריל 2023

שערי יושר: ניין. נאכנישט. וויפיל זאלל איך דיר אוועקלייגן?

**berlbalaguleh** • 18טן אפריל 2023

דו: ווייל דו ביסט די ערשטע צו בעטן. איך האלט נאכנישט (ב"ה) ביים אויפגעבן די בייטש. אדער דעם רעדל. ווילאנג דער אייבערשטער 'עט געבן כוחות ווייטער אנצוגיין מיט דער עבודת הקודש פון פירן אידישע קינדער אין חדר אריין און צוריק אהיים. בעז"ה...לאז מיר איבער דיין פאון נאמבער און אי-מעיל אדרעס. איכ'ל דיך רופן (בלי"נ) ווען איך בין גרייט צו ריטייערן

**שערי יושר** • 18טן אפריל 2023

ס'דערמאנט מיר די אויסדריק פון טוביה דער מילכיגער אויף זיין פערד "ער איז שוין אזוי געוואוינט צום בייטש ווי איך צום דלות"...

**אלע צוזאמען** • 19טן אפריל 2023

טאקע א גאנצע מבקור צי נישט אייניקלעך דארפן אנהאלטן צוואת ר' יהודה החסיד, כ'מיין אז ס'נאר ביי חסידים וואס מ'איז אזוי שטארק מקפיד.

תורה און וויסנשאפט

# ווען איז ניטל? — יוליוס, גרעגארי און שמואל'ס תקופה

ניטל־נאכט פאלט אויס היי־יאר דאנערשטאג ביינאכט, דעם 24סטן דעצעמבער, אבער ביי די רוסישע און גריכישע קריסטן ערשט דעם 6טן יאנואר. פארוואס? „קאך_לעפל“ ערקלערט די צוויי קאלענדארן, און ברענגט א חשבון פון דער גמרא אין עירובין.

פון **קאך_לעפל** • אויסגעקליבענע תגובות

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „ווען איז ניטל?“ • 25סטן–28סטן דעצעמבער 2020
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14391.html#p464653

**קאך_לעפל** • 25סטן דעצעמבער 2020

בס"ד

אנגעהויבן האט זיך עס אין איטאליע. ח' תשרי שמ"ג – אקטאבער 4' 1582 למספ' איז געווען אן אלגעמיינער טאג אין איטאליע. געשעפטן האבן געווירבלט מיט קונדן, מענטשן האבן ארלעדיגט זייערע געשעפטן, ביז די זון איז אונטערגעגאנגען. ביינאכט זענען מענטשן געגאנגען שלאפן ווי געווענדליך, און ווי דערשטוינט זענען זיי געווארן, ווען זיי האבן זיך אויפגעוועקט מיט גאנצע 11 טעג שפעטער!

אקוראט דאס זעלבע האט זיך איבערגעשפילט אין ענגלאנד כ"ג אלול, תקי"ב – סעפטעמבער 2' 1752 למספ'. איז די פראגע איצט אזוי, וואו אהין זענען גאנצע עלף טעג אזוי מיטסטעריש פארשוואונדן געווארן פונעם קאלענדאר? דאס צו פארענטפערן, דארפן מיך זיך צוריק קערן צוויי טויזענט יאר צוריק צו דער שטאט רוים.

יוליוס קאלענדער

דער העלדישער רוימישער קייסער יוליוס איינאיינעם מיט זיין זון אויגוסטוס, האבן זיך אקוראשט צוריק געקערט פון עגיפטן, וואו זיי האבן אפגעהאלטן א מערטיגער מיליטערישער טריומף איבער די מיליטערישע קרעפטן פון תלמי דער דריטער. דארט אין עגיפטן האט זיך יוליוס באקאנט געמאכט מיט א קאלאנדער וואס איז געווען באזירט אויף דער זון. יוליוס איז געווען אנטשלאסן דאס איינצושטעלן אויך אין רוים, און גלייכצייטיג איבער זיין גאנצע אימפעריע.

דאס עגיפטישער קאלענדער האט אבער געהאט א פראבלעם. נעמליך, די עגיפטער האבן איינגעטיילט דאס יאר אין צוועלף מאנאטן, איטליכע מאנאט האט אינהאלטן 30 טעג. איי דער זון [רעד.: די ערד] באוועגט זיך ארום דער זון אין 365 און א פערטל מאל א יאר? בלייבט דאך נאך איבער 5 טעג? די עגיפטער האבן נישט געהאט קיין גרויס פראבלעם דערמיט, זיי האבן געדולדיג אויסגעווארט די איבעריגע 5 טעג און ערשט דאן האבן זיי אנגעהויבן צו ציילן זייער נייעם יאר. אבער אין אזא פארגעשריטער לאנד ווי רוים האט אזא סארט קאלענדער נישט געקענט פונקציאנירן טעכניש. דערפאר האט יוליוס איינגעשטעלט אז איין מאנאט זאל אינהאלטן 30 טעג און די אנדערע מאנאט 31 טעג, און דער מאנאט פון פעברואר זאל פאר דריי יאר אינהאלטן 29 טעג, און יעדע פערדע יאר 30 טעג. (פארוואס פעברואר? ווייל ער האט נישט געוואלט אנהייבן די יאר מיט א שלעכטע סימן) דער רעכענונג האט מער ווייניגער געשטומט. דער יוליוס קאלענדער, הייבט אן ציילן פון 45 יאר איידער דער געקרייצטער איז געקרייצט געווארן. דער יוליוס קאלענדער, איז אקצעפטירט געווארן איבער דער גאנצער מערב וועלט פאר די נאכפאלגענדע יארן. און צוליב זיין אומערמידליכע לייסטונגען צו לעזן דעם קאלאנדער פראבלעם, האבן די רוימער אים באערט מיטן א נאמען געבן פאר דעם מאנאט יולי נאך אים. שפעטער ווען זיי האבן אויך געוואלט באערן זיין זון אויגוסטוס, האבן זיי א נאמען געבן פארן מאנאט אוגוסט נאך אים. און זיי האבן גלייכצייטיג אויך איינגעשטעלט, אז דיביידע מאנאטן, יולי און אוגוסט זאלן אינהאלטן 31 טעג. און אנטשטאט דעם צוגעקומענע טאג זאל פעברואר זאל אינהאלטן בלויז 28 טעג, און יעדע פערדע יאר 29 טעג. געלעזט דעם פראבלעם.

גרעגארישער קאלענדער

אין יאר 1582' למספ' האט דער פויפסט גרעגארי דער דרייצענטער זיך געזען אין א שטיקל פראבלעם. נעמליך, לויט דער קריסטליכער טערמינאלאגיע דארף די חאגע פאסכא אויסשליסליך אויספאלן אין פרילינג, ווייל דער געקרייצטער איז געקרייצט געווארן פסח צייט וואס געפאלט

אין פרילינג. אין דערווירקליכקייט זענען די טעג פון דער זון 365 און זעקס שטונדן, וויינִיגער מיט אומגעפער מיט 11 מינוט, דאס באדייט אז יעדע 128 יאר ווערט דער קאלענדאר צוריק גערוקט מיט איין גאנצער טאג. אין רעזולטאט איז דער חגא פאסכא אין יענע יאר אויסגעפאלן אין מיטן מערץ, וואס דאס איז נאך אין דעם ווינטער. פויפסט גרעגארי האט זיך געפונען אין גאר א שווערער דילעמא. פון איין זייט דארף דאך דער חגא פאסכא געפייערט ווערן אין דעם פרילינג, אבער פון דער צווייטער זייט ווער קען דען זיך דערוואגן זיך אפצונויגן פון דעם איר-אלטן אויסגעטרעטענעם וועג? אלזא וואס טוט מען? גרעגארי איז געווען א קאנטראווערסיאלער מאן פון נאטור אויס, און ער האט טאקע געפאסט א העכסט-געוואגטער באשלוס. ער האט אין אן אויסערארענדליכער שריט פאראויסגערוקט דאס קאלענדאר מיט עלף טעג! א שריט וואס האט ארויסגערופן שטורעם איבער דער גאנצער קריסטליכער וועלט. די פראטעסטאנטן און די גריכישע ארטאדאקסן האבן דאס אויף קיין שום פאל נישט געוואלט אקצעפטירן. די פראטעסטאנטן האבן עס אייגענטליך יא שפעטער אקצעפטירט. אבער די פרימע גריכישע ארטאדאקסן, האלטן זיך נאך פעסט ביז צום היינטיגן טאג, און זיי באנוצן זיך בלויז מיטן אריגענאלער שמיילִיגן יוליוס קאלענדער.

אצינד צוריק צו דער פראגע, ווען איז ניטל?
ניטל איז די נאכט וואס דער געקרייצטער איז אנגעבליך געבוירן געווארן פונעם הייליגן גייסט. דאס איז פון אלעמאל אן געווען די נאכט פונעם 25-טן פון דעצעמבער. קומט דאך אויס, אז ווען דער קאלענדאר צייגט דעצעמבער 25 אויפן גרעגארישער קאלענדער, איז נאך אויפן יוליוס קאלענדער דעצעמבער 14. לויט דעם איז ניטל ערשט אין יאנואר דעם זעקסטער. (די טעג ריקן זיך עטוואס צוליב פארשידנארטיגע חשבונות). דערפאר אין די לענדער ווי אין רוסלאנד און אין גריכלאנד וואו מ'האט נישט אנגענומען דאס גרעגארישער קאלענדער, איז ניטל יאנואר דעם זעקסטן אדער דער זיבעטן. דאקעגן אין די לענדער וואס מ'האט יא אנגענומען די גרעגארישער קאלענדער, איז ניטל דעצעמבער דעם פינף און צוואנציגסטער.

אין דער משנה און דער גמרא געפונען מיר אז די גוים פייערן צוויי חגאות ארום תקופת טבת. די סטרנורא חגא, אכט טאג איידער די תקופה. און קלנדא חגא, אכט טאג נאך דער תקופה. די חגאות פון קראצמעך און ניי-יאר, געפאלן אלעמאל ארום דער צייט פון די תקופה. דערפאר לאזט זיך עטוואס זאגן, אז קראצמעך און ניי-יאר ווערן געפייערט אין דער זעלבער צייט וואס די אמאליגע געצן דינער האבן געפייערט די חגאות פון סטרנורא און קלנדא. לויט דעם גרעגארישן קאלענדער זענען די חגאות עטוואס ווייטער פון דער תקופה ווי לויט דעם יוליוס קאלענדער. קען פילייכט זיין אז צוליב דעם האלט א מערהייט פון דער וועלט דעם רוסישן ניטל, יאנואר דעם זעקסטן. ווייל ס'איז עטוואס נאנטער צו דער תקופה.

**פאליטיקאנט** • 26סטן דעצעמבער 2020

יישר"כ פאר'ן ארטיקל, זייער שיין און ידיעות'דיג.

האט פויפסט גרעגארי פשוט גערוקט די קאלענדער מיט 11 טעג יענע יאר, און שוין?
איך האב פארשטאנען אז ער האט עפעס איבערגעמאכט די קאלענדער עס זאל בעסער שטומען מיט דער זון אזוי אז די וועלט זאל נישט זיין אפאר טאג אפגערוקט פון דער זון יעדע 128 יאר, נישט אזוי?

**קאך_לעפל** • 28סטן דעצעמבער 2020

ריכטיג.

ער האט איינגעשטעלט, אז יעדע הונדרעט יאר זאל זיין דער מאנאט פברואר אינהאלטן 29 טאג אנשטאט 28 טאג, אזוי ארום קומט צו א טאג יעדע הונדרעט יאר.

[רעד.: נישט גענוי. ביים יוליאנישן קאלענדער האט יעדעס פערטע יאר געהאט 29 טעג אין פעברואר. גרעגארי האט פארקערט אויסגעמעקט דעם 29סטן פעברואר אין דריי פון יעדע פיר יארהונדערט־יארן: 1700, 1800 און 1900 האבן נישט געהאט קיין 29סטן פעבּרואר, 2000 יא.]

**קאך_לעפל** • 28סטן דעצעמבער 2020

עס איז אינטערסאנט צו באמערקן די אורזאך פארוואס גרעגארי האט געטוישט דעם קאלענדער.
צוליב דער אורזאך פארוואס ביי אידן עקזעסטירט א באגריף פון אן עיבור יאר.
אין דער תורה ווערט יום טוב פסח אנגערופן חג האביב, שביעות חג הקציר, און סוכות חג האסיף. צוליב דעם וואס פסח צייט ווערט די תבואה געצייטיגט, שביעות צייט הייבט זיך אן די שניט, און סוכות זאמלט מען איין דאס גערעטעניש פון די פעלדער.
די תורה האט געוואלט אז די ימים טובים זאלן אויספאלן ווען דאס מענטשהייט איז גוט געלוינט. נאך מער, די חכמים האבן די רעכטן מעבר צו זיין א יאר צוליב דעם, אפילו עס פאראורזאכט א קלקול הקרבן, און די קרבנות מוזן געברענגט ווערן במועדם.
זיין הייליגטום גרעגארי איז געווען גרייט צו קערן הימל און ערד, אבי אז דער פסכא חגא זאל זיין אינעם צוגעפאסטן סעזאן...
ומי יבוא בסוד קדושים...

**קאך_לעפל** • 28סטן דעצעמבער 2020

עס איז דא גמרא אין עירובן, שמואל זאגט, אז אין בין תקופה לתקופה אלא תשעים ואחד יום ושבע שעות ומחצה. צווישן איין תקופה און דער צווייטער איז דא גענוי 91 טעג, מיט 7 און א האלב שטונדן.
עס איז פארהאן 4 תקופות. תקופת ניסן, תקופת טבת, תקופת תשרי, און תקופת תמוז. אין דעם טאג פון די תקופה זענען די שטונדן פון טאג און נאכט אייניג צוטיילט. ווארום דאן איז דער זון אויף איר ארגינעלער קו המשוה.
אויב אזוי קומט אויס אז ווען מ'צוטיילסט דעם יאר אויף פיר תקופות, קומט אויס אז א תקופה באשטייט פון 91 טעג און זיבן א האלב שעה (365 צוטיילט אין פיר איז 91 און א פערטל [וואס מיינט זעקס שעה], צוטייל די איבריגע 6 שעה אויף פיר קומט עס אויס איין און א האלב, צוזאמען 91 טעג מיט 7 און א האלב שעה).
לויט דעם רעכענונג פארמאגט די זון פונקליך 365 טעג מיט זעקס שטונדן. אזוי האט אויך געהאלטן יוליוס קייזער. די יוליוס קאלענדער איז געבויעט אויף דער טעאריע.
דאקעגן פויפסט גרעגארי האט ווארשיינליך געהאלטן ווי רב אדא בר אהבה. וואס לערענט אז פון איין תקופה ביזן צווייטן איז 91 טעג מיט 7 שטונדן, און 28 מינוט. (נישט ווי שמואל וואס לערענט א גאנצע האלבע שטונדע) דערפאר איז גרעגארי געווען ביי דער מיינונג, אז יעדע 128 יאר ווערט דער קאלענדאר צוריק גערוקט מיט איין גאנצער טאג, און ער האט באשאפן דעם גרעגארישער קאלענדער...
לויט דעם חשבן ווען האלטן מען ניטל? עס איז א מחלוקה צווישן שמואל מיט רב אדא בר אהבה...

אנשי שם • צו כ' טבת

# „ואני שוכן במצרים" – דעם רמב"ם'ס סדר היום

כ' טבת, מיטוואך די וואך, איז דער יארצייט פונעם רמב"ם. „צדיקל" האט אויפן יארצייט אין תשע"ג געברענגט ווען דער רמב"ם האט געשריבן זיינע ספרים, און זיין בריוו צו ר' שמואל אבן תיבון, וואו ער באשרייבט זיין טאג.

פון **צדיקל און אנדערע** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „סדר היום פונעם רמב"ם" • 2טן–3טן יאנואר 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2663.html#p74827

**צדיקל** • 2טן יאנואר 2013

היינט כ' טבת תשע"ג איז די 809 יארצייט פון הנשר הגדול דער רבן של ישראל הרמב"ם ז"ל. ווי די מליצה אויף אים איז משה ועד משה לא קם כמשה. רבינו משה בן מימון איז געבוירן בערך שנת ד"א תתצ"ה אדער תתצ"ח, ומשה עלה למרום כ' טבת תתקס"ה.

צו שרייבן פונעם רמב"ם איז הזמן יכלו והם לא יכלו. וועל איך ברענגען קודם נאר די צייטן ווען ער האט געשריבן זיינע ספרים, און נאכדעם ברענגען א בריוו וואס ער שרייבט אין זיין עלטערע יארן ווי ער לייגט אראפ זיין פארנומענע סדר היום.

דער רמב"ם האט אנגעהויבן שרייבן זיין פירוש המשניות, ווען ער איז אלט געווען 23 יאר, 10 יאר האט דאס גענומען צו שרייבן ביז זיין 32 יאר, (סוף פי' המשניות). ביי זיין 37 האט ער אנגעהויבן שרייבן זיין ספר הגדול משנה תורה (הקדמה ליד החזקה), 10 יאר האט דאס גענומען ווי ער שרייבט תשובות הרמב"ם (סימן נ"ט), וכמה טרחתי יומם ולילה כמו עשר שנים רצופות בקבוץ חבור זה.

שפעטער ווען איז אלט געווען איבער די 50 האט ער געשריבן זיין ספר מורה נבוכים, דער רמב"ם האט עס געשריבן אויף אראביש, און נאכדעם איז עס מתורגם געווארן צו לשה"ק דורך ר' שמואל בן ר' יהודה אבן תיבון.

ס'איז דא א בריוו וואס ר' שמואל שרייבט פארן רמב"ם, מיט שאלות וואס ער האט אויפן מורה, און אן אגרת וואס דער רמב"ם ענטפערט אים צריק. ג'חתמ'ט ביום שמיני לתשרי אתקי"א לשטרות (שנת ד"א תתק"ס) דער רמב"ם איז אלט געווען 62-65 יאר.

אין דעם בריוו האט ער אויך געשריבן פארן רמב"ם, אז ער וויל קומען זיך טרעפן מיט אים, דער רמב"ם ענטפערט אים, אז ער וואלט זיך זייער געפריידט אז ער קומט, אבער זאל זיך נישט מטריח זיין ווייל ער האט ממש נישט קיין צייט אים אויפצונעמען, און דער רמב"ם לייגט אים אראפ זיין סדר היום.

ואמנם מה שזכרת מענין בואך אצלי, בוא ברוך ה' ומבורך שבבאים! ואני שש ועלז ושמח בזה, וחפץ ונכסף ומשתוקק לחברתך, ותאב ומתאוה לראות פניך הנעימים יותר משמחתך בי, ואף על פי שיקשה עלי רכבך סכנת הים. ואמנם אודיעך ואיעצך שלא תסתכן על עצמך, כי לא יגיעך מבואך אלי זולת ראות פני, ומה שתגיעך ממני כפי יכולתי. אמנם תועלת חכמה מן החכמות או להתייחד ולהתבודד עמי אפילו שעה אחד ביום או בלילה אל תוחיל בזה כלל, כי תוכן ענייני כמו שאספר לך.

אני שוכן במצרים והמלך שוכן באל קאירה, ובין שני המקומות שני תחומי שבת, ולי על המלך מנהג כבד מאד אי איפשר לי מבלתי ראותו בכל יום בתחלת היום, אמנם כשימצאהו חולשה או יחלה א' מבניו או אחת מפלגשיו לא אסור מאלקאיירה ואני רוב היום בבית המלך, ואי איפשר לי גם כן מפקיד אחד או שני פקידים יחלו ואני צריך להתעסק ברפואתם, כללו של דבר כל יום ויום אני עולה לאלקאייר"ה בהשכמה, וכשלא יהיה שם שום מכשול ולא יתחדש שם שום חדוש אשוב למצרים אחר חצי היום, על כל פנים לא אגיע קודם.

ואני מתרעב ואמצא האכסדראות כלם מלאות בני אדם גוים ויהודים בהם, חשוב ובלתי חשוב, ושופטים ושוטרים ואוהבים ושונאים ערב רב ידעו את עת שובי, ארד מעל הבהמה וארחץ ידי ואצא אליהם לפייסם ולרצות ולחלות פניהם כדי למחול על כבודם להמתין אותי עד כדי שאוכל אכילת עראי והיא מעת לעת, ואצא לרפאתם ולכתוב להם פתקות ונוסחאות רפואות חלייהם, לא יסור הנכנס והיוצא עד הלילה, ולפעמים באמונת התורה עד סוף שתי שעות מן הלילה או יותר אספר להם ואצום ואדבר עמהם, ואני שוכב

פרקדן מרוב העיפות, ויכנס הלילה ואני בתכלית החולשה לא אוכל לדבר. סוף דבר לא יוכל אחד מישראל לדבר לי או להתחבר ולהחבודד עמי זולת יום השבת, אז יבואו כל הקהל או רובם אחר התפלה, אנהיג הצבור במה שיעשה כל ימי השבוע, ויקראו קריאה חלושה עד הצהרים וילכו לדרכם וישובו קצתם ויקראו שנית אחר תפלת המנחה עד עת תפלת מעריב, זה תוכן ענייני היום.

ולא ספרתי לך אלא קצת מה שתראהו אם תבא בעזרת האל יתעלה. וכשתשלים לאחינו פירוש והעתק מה שהתחצת בו שאחר שהחתלת במצוה תגמור אותה, [ותעתיק הוראת הנבוכים לאחינו ושמו הזכר נאות יותר ויהיה בערבי דליל אל חאורין, כאשר ערבי של הוראת הנבוכים דלאלה אל חאורין, והטבת לראות בכבודך לקראו בשם הצורה] ואחרי בא תבא ברנה על דדך הבקור לא לקבל תועלת הלמוד כי יצר זמני מאד.

(קובץ תשובות הרמב"ם ואגרותיו)

**DotCom** • 2טן יאנואר 2013

ואני שוכב פרקדן מרוב העיפות... מה פשט?

**צדיקל** • 2טן יאנואר 2013

אין ברכות יג: זאגט דארט די גמרא אויף ר' יוחנן אז ער איז געשלאפן פרקדן, די גמ' זאגט שאני ר' יוחנן דבעל בשר הוה. זעט אויס אז ס'איז דא ווען ס'איז יא מותר

**נולד מאוחר** • 3טן יאנואר 2013

אינטערסאנט ווי פונעם רמב"ם ס'ביזי סדר היום איז שוכב פרקדן געווארן די שמועס דא.

[פארקירצט]

מיר איז אונטערסאנט "ואמצא האכסדראות מלאים מלאים בני אדם גוים ויהודים בהם"
שטעלט אייך פאר להבדיל ביי א האנטיגע רבי מווארט און די ליין אריינציגיין קוויטלען אום פראנט פון דיר שטייט א גוי מיט א טעטא אריינגעקריצט [פארקירצט].

**צדיקל** • 3טן יאנואר 2013

אלס דאקטער האט מען געווארט

**נולד מאוחר** • 3טן יאנואר 2013

ער שרייבט אויך אלץ לערנען.
דרך אגב שטעל דיך פאר א רבי און זיין דאקטערס אפיס מיטן סטעטס סקאפ אויפן האלדז און ראבער גלאווס אויפן האנט אנגעטאן און ווייסער חלט.

הומאר

# „ויחי יעקב“ – הספדים אויף א מנהל

אין דער וואך פון פרשת ויחי תשס"ו האט „פענסטער“ אפגעטרעטן פון זיין פאזיציע ווי מנהל אין דער „היימישע קרעטשמע“ אויף היידפארק. „התאחדות“ האט געעפנט אן אשכול פאר „הספדים“ – און דער „נפטר“ אליין האט זיך געמאלדן ערשטער.

פון **התאחדות, פענסטער, קרעמער און משנה_למלך** • אויסגעקליבענע תגובות

היידפארק • היימישע קרעטשמע • „הספדים ודברי הזכרה“ • 13טן–18טן יאנואר 2006
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1761906.html#p-1761906

**התאחדות** • 13טן יאנואר 2006

דא ווערן אלע געבעטן צו שרייבן דברי הספד והערכה אויף אונזער אלעמען אזוי באליבטן פריינטליכן געשמאקן ידיד, וואס איז אקאורשט נפטר געווארן פון זיין אויפגאבע, דאס איז טאקע נישט מער ווי מיין פארגייער, כבוד הרב

פענסטער

ומלפנים נפחא

יעדער ווייסט דאך וויפיל ער האט געלייסטעט פאר אונזער קהלה, און פאר אונזער קרעטשמע, רבותי נעמט ארויס אייערע קוואליפיקאציעס פון טאש, און נעהייבט אן, מיט דברים של טעם, מיט שבחים, סיז שוין נישט בפניו מ'קען שרייבן אלע שבחים אויף אמאל.

וואו אויך ביטע מאכן די הספדים ווארים און עמיציענאל, אויב מעגליך, אויב סי נישט מעגליך, דאן ביטע שרייבט קאלטע טרוקענע הספדים, ס'עט נישט אויסגעמעקט ווערן בעזרת השם.

דער עיקר נישט זיין קיין כפוי טובה פאר דעם הויכגעשעצטן פענסטער.

תודה רבה

טענקס אלאט

ספאסיבא באלשוי

מוטשא גראסיאס

**פענסטער** • 13טן יאנואר 2006

שא! מורי ורבותי! ס'זאל זיין שטיל! דער נפטר גייט זאגן אפאר ווערטער!

(איך קום ארויף צום מייק דער גאנצער עולם פארגייט אין א געוויין)

מורי ורבותי, ס'שטייט אין דער וואכעדיגער סדרה "ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה", איך האב געקלערט בדרך רמז עס איז אויסצוטייטשן אויף אונזער נפטר מוהר"ר פענסטער ז"ל, (ס'הערט זיך פרישע כליפערייען פונם עולם) אונזער פענסטער האט אזוי שיין באדינט דעם עולם דא פאר זיבעצן וואכן יום ולילה לא ישבת, ער האט נישט גערוט נאר געזען אז יעדער זאל האבן פון אלעם גוטן, דעס קען מען זאגן פשט אין פסוק "ויחי יעקב" יעקב איז מרומז אויף אונזער פענסטער, "בארץ מצרים" דאס איז א רמז אויף הייד-פארק, "שבע עשרה שנה" דעס איז אקעגן די זיבעצן וואכן וואס אונז האמיר געהאט די זכי' אז פענסטער זאל אונז באדינען. הוי מי יתן לנו תמורתו! ומחה ד' דמעה מעל כל פנים וכו'.

**התאחדות** • 15טן יאנואר 2006

מורי ורבותי....(דא וויינט מען שטארק)

לא איש דברים אנכי, איך בין נישט דער מענטש וואס זאל קענען ארויסברענגען אויף מיין מויל דעם נאמען אפילו, פון מיין פארגייער, דעם באליבטן איש המעש ערעב פענסטער.

נאר אבער יאך וויל נישט סיזאל ח"ו קומען דער עונש וואס קומט אויף תלמיד חכם שלא נספד כהלכה, איז ממילא במקום שאין איש, השתדל על כל פנים להיות איש. (דא קאכט מען, מיט א פתח)

אז סיז ליידער בעוה"ר געקומען די צייט ארויס צו ברענגען די שבחים און מספיד זיין דעם אזוי אלעמען באקאנטן ערעב פענסטער, אויף דעם אליין עט מען ווען געזאלט מאכן הספדים ודברי הזכרה, נאר אבער ווי אויבנדערמאנט, במקום שאין איש, אזוי ווי עס וועלן דאך אוודאי ארויפקומען די פראמינענטע רבנים און דאיאנעם, מיט אמת'דיגע שבחים אויף דעם גרויסארטיגן נפטר, איז דאך אוודאי אז יעדערע איז מחויב מפשפש במעשים צו זיין.

סישטייט אין דער וואכעדיגער סעדרע, הצדיק אבד ואין איש שם על לב, (דא דארפן אלע צוזאמען וויינען אויף דעם קול), זאגט דער מדרש הנעלם, אז דאס גייט ארויף אויף די פריערדיגע צדיקים, ווייל אויף זיי שטייט אין די ספרים ואין איש שם על לב, (דא ווידער אמאל), דער צפנת אויף דער וואך פרעגט א הארבע קשיא ווי אזוי האבן יוכבד מיט פועה געקענט ראטעווען די אידן? סיז דאך געווען א גזירה מן השמים, נאר זאגט ער מ'זעט אין דער וואכעדיגער סדרה, ולא יכול יוסף להתאפק, יוסף הצדיק האט זיך נישט געקענט איינהאלטן, ממילא האט ער אלעמען ארויס געשיקט.

לעניינינו קען מען אפשר מפרש זיין די דברי אלקים חיים, יעדער ווייסט דאך די גרויסע כוח המעצר פון ידידינו ערעב פענסטער, זכרונו בגנזי מרומים, ווי ער פלעגט זיך מיט אלע כוחות שוין נאכדעם וואס ער האט געהייסן נפחא, אוי ווייי געוואלד, עפענען דעם פענסטער, אזוי ווי סישטייט טאקע די וואך אין דער סדרה, יעקב האט געזאגט פאר יהודא'ן יתר שאת ויתר עז, בני עלית, איז דאך פשוט נישט שייך אפילו ארויסצוברענגען די מעלות און חסרונות פון דעם נפטר, בפרט אז דאס אין א בחי', וואס שטייט אין תוספות ישנים, דאכצאך אין פ' במדבר, כאילו מתו מוטל לפניו, אוי ווי נעמט מען די צייטן פון אמאל, דער חסרון איז אז מיר ווייס שוין נישט זיינע מעלות, אזוי ווי ס'שטייט אין דער משנה, האחרונות משכחת הראשונות, אבער די חסרונות איז דאך פשוט רבותי לאמיר זיך כאפן ביים קאפ:

פענסטער פעלט

פענסטער פעלט

אוי ואבוי לנו

דאס איז טאקע פשט וואס ראובן האט געזאגט דעם טאטן ואני אנה אני בא, ווי שעם יאך זיך נישט איבער צו נעמען דעם פלאץ פון אזא גדול בענקים, וואס האט אלעמען אפגעפרעגט און אפגענפערט מיט אזא קלארקייט, געשטאנען פעלזן פעסט קייגן אלע רוחות רעות שבאות לעולם, ווי עלן מיר זיך איצט ארויסשטעלן דעם קאפ, וואסארא פנים עלן מיר טראגן, נאך אזעלכע שווערע מעברים.

דער עולם זאל זעך יעדערער זיך איבערקלערן, צו האב איך נישט גורם געווען אויף דער צרה, דאס איז דאך באמת א צרת רבים, וואס רש"י זאגט שוין אויף דעם, אז דאס איז א חצי נחמה, אבער געוואלד דאס קען איך אייך אלע צוזאגן, אז דאס איז נישט מער ווי א נחמת שוטים, וואס קלערט איר, בין איך טאקע אזא שוטה? (דער דאיען צוכליפערט זיך אויף דעם קולל, אלע וויינען ביטערליך מיט).

נאר וואזשע דען קיין יאוש איז נישט פארהאנדין, אז דער עולם עט באמת גלייבן, קען גאר געמאלט זיין אז דער פענסטער עט תחיית המתים אויפשטיין, און ס'עט שוין זיין ובלע המות לנצח ומחה שם דמעה מע................

(די לעצטע ווערטער האט מען שוין נישט געהערט דער דאיען האט דאס שוין געזאגט צו שטיל כנהוג בתפוצות)

**קרעמער** • 16טן יאנואר 2006

דער נייער סגן מנהל (ער גלייכט זיך צו רופן מנהל, ער ברויך אבער איינזען אז ער האט מערערע שותפים אין דער ארבעט, און קען זיך נישט דערקלערן מנהל על אפם וחמתם) דרייט מיר אראפ דעם קאפ אז איך זאל שרייבן א הספד אויף אונזער אלעמען באקאנטן באליבטן מר. פענסטער ני"ו וועלכער האט געדאנקט פון זיין קוימען-קערער פאזיציע אין דער קרעטשמע און דאס איבערגעגעבן פאר אונזער חשובער דיין (זינט ר' זרח פעפער איז ווי אין וואסער אריין, האט דער דיין איבערגענומען אויך זיין בענקל אין לשכת ההוראה, און פון יעצט און ווייטער קען ער מיט רעכט אנגערופן ווערן גאב"ד הקרעטשמע שליט"א).

איך האלט זיך אבער ביי מיינס, איך קען נישט מקבל זיין תנחומין על החי, איך קען דאך אונזער פענסטער פערזענליך, נישט איינמאל האב איך געהאט פון אים פערזענליכע טובות (ווער געדענקט די נסיעה קיין קרית יואל), איך קען נאכנישט אראפשלינגען דעם געדאנק אז מיר וועלן אים שוין מער נישט זען דא אויפן אויבן-אן.

איין טרייסט האב איך יא, אז מאחורי הפרגוד פון הונטער די קוליסן וועט ער ווייטער שטיין צו הילף, מה כאן עומד ומשמש אף שם עומד ומשמש, ער האט מסתמא נאכנישט פארגעסן וויאזוי מען איז חוסם א נודניק און וויאזוי מען מעקט תגובות פון אומגעוואונטשענע עלעמענטן.

תיתי ליה, לאמיר אים אלע אפגעבן דעם פולן קרעדיט אויף אן עפיזאד וואס איז זיך נעכטן פארלאפן! יא, אין אומרים בפני המת אלא דבריו של מת... הערט א מעשה וואס איז נעכטן פארגעקומען צווישן די קרעטשמע ווענט, וואס די האר פון קאפ וועלן זיך אייך אויפשטעלן צו זען ווי געטריי אונזער חשוב'ער באגאבטער פענסטער איז.

דער זייגער האט געקלאפט 6:41 (היידפארק צייט איז געווען 23:41 אדער 00:41, איך בין נישט אזוי באהאווענט אין דעם), ריקט זיך אריין א מנובל מיטן ניק 'טבריוס', נישט מער און נישט ווייניגער ער האט געהאט די העזה ארויפצולייגן א שמוציג בילד מיט א גאנצע באשרייבונג דערצו, חס מלהזכיר.

מה עשה הקב"ה? השי"ת האט געהאלטן זיין רעכטע האנט אויף אונזערע אידעלעך, און משמים האט מען צוגעפירט אז פונקט יענע מאמענט זאל אני הקטן ארויפשפרינגען אויפן פורום. באמערקענדיג דעם עפיזאד האב איך געטאן וואס יעדע מנהל וואלט געטאן, איך האב צוערשט געקוקט די מספר מנוי (מעמבער נומער) פון דעם יעניגן שטרוי-זאק (דאס שלאק זאל אים באטרעפן אין גיכן), כדי אים חוסם צו זיין [וויל וויסן זאלט איר, אז אויב איך נעם קודם ארונטער יענעם'ס תגובה, קען איך שוין נישט אויפזוכן זיין מספר מנוי, און ער בלייבט א געפאר אויף שטענדיג פאר די חברי הקרעטשמע].

איך בין אריין צו "כניסה למנהלים" (וואס דארט קען מען דורכפירן די ביזנעס פון פארשפארן אומגעוואונטשענע פארשוינען), חוסם געווען דעם שייגאץ, און איך וויל צוריקגיין צום פורום ארונטערנעמען דעם שמוציגן אשכול, ואיננו!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!

דער זייגער האט געקלאפט 6:42 ניו יארק צייט, און דער אשכול איז שוין געווען אין מיסט קאסטן!!!!!!!!!!!!!!!!!

זעט וואס דאס מיינט א מנהל משנה (אפילו א געוועזענע מנהל משנה) וואס טראגט אחריות אויפן פורום!

אפריון נמטייה פאר אונזער ידיד ר' פענסטער וואס האט באותו מקום באותו זמן, אין יענע רגע וואס איך האב ארויסגעטראסקעט דעם שייגעץ, איז ער געשטאנען און אויסגעמעקט דעם אשכול!

איז דאך ממש קשה עלי פרידתכם, ווי קען איך זיך צוזאמקלויבן און אראפלייגן א הספד ווי עס באדארף צו זיין אויף אזא פיינעם מנהל משנה, נאר וואס דען, ווי מיר האבן שוין ארומגערעדט פריער, יעקב אבינו לא מת, מה הוא בחיים אף זרעו בחיים, מיר האפן אז טראצדעם וואס זיין ניק שטייט שוין נישט אויף דער ליסטע פון דער באהערדע, וועט ער נאך ווייטער צו הילף שטיין, אז מיר זאלן קענען ווייטער אויף דעם גראדן וועג גיין, במהרה בימינו אמן.

**משנה_למלך** • 18טן יאנואר 2006

דער אלטער מנהל מיסטער קרעמער באטשי (ער גלייכט זיך צו רופן מנהל, כאטש ער איז שוין לאנג נישט מנהל קוים געווען פאר עפעס א קורצע תקופה'לע דארטן, ובפרט זינט ער האט געהרגעט הוטקע האט ער פארכאפט די מאכט על אפי וחמתי בערה בי ) דרייט מיר אראפ דעם קאפ איך זאל עפעס שרייבן אין קרעטשמע, צי איז עס הספדים, צי זינגען טאנצן, צי סתם בלא בלא בלא, נו איז דאך באקאנט דער דין אין חו"מ ח"ד הל"י סקט"י אז אין מסרבין לגדול, און דעריבער האב איך מיר גענומען די מיה אין כעל אים א טובה טאן דעם קרעמערע'ן און מנציה זיין אפאר שטותים וואס וועט זיין לאות ולמשמרת ולמציצה בפה לנצח נצחים.

וזה החלי, און טאקע מיט וואס כאב אנגעהויבן, איז לכאו' שטייט דאך קלאר אין מסרבין "לגדול" פאר א גרויסן, נו ווער זאגט ער איז גרויס?. אים אהערברענגען אין קרעטשמע און אויסטאן בפני עם ועדה איז דאך נישט קיין גערעדאכטץ ווייל ער לאזט דאך נישט.

בפשטות איז דאך א ראי' וויבאלד איך בין טאקע נישט מסרב, איז דאך א קלארער באוויז אז יא ער איז א גדול, אבער ווערט דאך שווער פארוואס האב איך ביז יעצט יא מסרב געווען, נו אלא טאקע איז דאך א ראי' אז ער איז נישט קיין גדול, נו ווערט דאך א סתירה צווישן קרעמער און קרעמער, איין פלאץ שטייט אזוי און איין פלאץ שטייט אזוי. (וויאזוי?).

לעולם איז שווער נאך א קשיא, און דאס איז שוין יא מעין המאורע, קרעמער שרייבט אז התאחדות האט אים געבעטן און פשוט אראפגעדרייט דעם קאפ ער זאל עפעס שרייבן אויף פענסטער א שטיקל הספד, דברי כבושין. נו קרעמער איז דאך באוויסט אלס א לב טוב א גוטער א בעל חסד, (איך קען אים דאך פערזענליך) טא פארוואס דארף מען אים אזויפיל מוטשען ער זאל עפעס שרייבן? און נאכדערצו אין זיין קרעטשמע וואו ער איז דאך מנהל? (אזוי פאררופט ער זיך אתמהה??

ועוד קשה, און נאך איז שווער, קרעמער איז ביזי ארומשיקן סאפיסטיקירטע עלעקטראנישע מעסעזשעס פאר יעדן איינעם וואו ער בעט זיך מען זאל קומען שרייבן עפעס ווייל דער צושטאנד איז דערקלערט געווארן אן "עמערזשענסי", פרעגט זיך ווי פון זיך אליינס, הייתכן? אין אזא שעת הדחק ווען דער מצב איז שמאל דארף מען זיך בעטן ביי קרעמער'ן צו שרייבן? זאל ער נעמען דעם פעדער און שרייבן?! ביסטו א מבין!!!???

ונראה לי, און סי געפעלט מיר, אז חדא מיתרצת בחברתה.

---

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 24סטן דעצעמבער, אין פריערדיגע יארן? א גבאי צדקה וואס האט געדאוונט מנחה פינף מאל א טאג, און א הלכה־קריג וועגן קבורה.

13
יאר צוריק
2013

## היכי תמצי — דאווענען פינעף מאל מנחה

**נהורא נפישא** • קאווע שטיבל • א שמייכל • 24סטן דעצעמבער 2013

ר' שמואל יוסף פין איינע פון די השכלה פיאנערן, האט סוף ימיו זיך צוריקגעקערט צו א פרומען לעבנסשטייגער און האט געדינט אלס א גבאי צדקה, שילדערט ער ווי ס'האט זיך ביי אים אפט געקענט מאכן אז ער זאל האבן געדאווענט מנחה פינעף מאל אין איין טאג, אבער ביי די ווילנער אידן איז נישט געווען צו פועל'ן אז ער דאווענט אפילו איינמאל.

עס פאסירן טעג --דערציילט ער-- בעת ס'איז פארהאן אסאך צו טאן, און איך קום אריין אין דער צדקה גדולה שוין צוועלף אזייגער בייטאג, קוים ווערט די זייגער האלבער איינס, לאזט זיך אריין דער שמש פון דער קברנ'ישער שול וואו עס ווערט געדאווענט מנחה נאכאנאנד פון האלב נאך צוועלף ביז מעריב, און ברענגט מיר די בשורה אז מ'שטעלט זיך שוין דאווענען מנחה, און אזוויי איך וועל שפעטער זיין זייער באשעפטיגט בכן זאל איך אריינגיין אין דער קברנ'ישער שול אפ'פטר'ן מנחה, איך געפין אז ער איז גערעכט, און איך גיי שוין מיט אים, ארום איינס אזייגער קומען אריין די אנדערע גבאים ירחמיאל ברוידא און יעקל פרנס, ביני לביני האבן זיך צונויפגעקליבן מערערע ארימעלייט, קוים קומט זיך צוזאם א מנין לאזט שוין ירחמיאל ברוידא קיין ארבעט נישט טאן ביז מדאווענט נישט אפ מנחה, האב איך מורא דאס זיי זאלן נישט מיינען אז איך זוך מיך ארויסצודרייען און איך מוז זיך שטעלן דאווענען צום צווייטן מאל.

זיך אפגעמאטערט אייניגע שעה מיט די ווילנער ארימעלייט, און איך גיי מיר שוין אהיים, אבער ארויסגייענדיג פון שול הויף צום דייטשער גאס, דארף מיר גראד דערזען דער שמש פון גמילת חסד קלויז, א טייערער פרומער איד, און פארבעט מיך צום קלויז אויף מנחה מיט דער טענה אז ביז איך וועל אנקומען אין שניפישאק צו מיין וואוינונג וועט שוין זיין שפעטלאך אויף צו קריגן א מנין, אים ווידער גיין זאגן אז כ'האב שוין צוויי מאל געדאווענט האב איך מיך געשעמט טאמער גלייבט ער מיר נישט, ובכן האב איך שוין א דריטן מאל געמוזט דאווענען, מיד און הינגעריג מיט דריי מנחה'ס האב איך מיך קוים דערשלעפט ביזן גרינעם בריק וואס מגייט אריבער קיין שניפישאק, אז עס וואקסט נישט ארויס פון אינטער די ערד איינער א איד און בעט מיט הכנעה "ראב שמואל יאסל ניט מיט אייער לאסקע ביי מיר איז פאר קיין אידיש הויז געדאכט א שבעה הויז עס פעלט איינער צו מנין אויף מנחה דאווענען כ'לעבן קומט אריין" טאקע ווי גייט מען דאס נישט אריין, געדאווענט א פערטן מאל מנחה און נאך מקיים געווען דערביי די מצוה פון נחום אבלים, און מיט די לעצטע כוחות קוים זיך ארויפגעשלעפט דעם בארג צו מיין שטוב אריין, איך וויל עפעס גיין אנבייסן, אז עס קומט נישט אריין דער שמש פון שניפישאקער שול וואו איך דאווען שטענדיג און גיט א זאג "ראב שמואל יאסל דער עולם ווארט אייך אויף מנחה" גיי דערצייל זיי אז איך האב שוין פיר מאל געדאווענט, כדי נישט צו מאכן לייטישע געלעכטער גיי איך האסטיג אריין אין שול דאווענען א פינפטן מאל מנחה, ואחרי ככלות הכל זאגן פיל ווילנער אידן אז איך דאווען קיין מנחה נישט

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5498.html

## א מת־מצוה אדער א מצוה־מת?

**יהושע חיים, מבקה, שמערל און אנדערע** • קאווע שטיבל • געזעלשאפט • 24סטן דעצעמבער 2015

דעם 23סטן דעצעמבער האט „קאווע טרינקער“ געפרעגט פארוואס מען שפענדט אזויפיל געלט כדי צו ברענגען לקבר ישראל אן איד וואס האט אליין נישט געהאלטן דערפון. דעם 24סטן האבן זיך די לייענער גענומען צו די ספרים:

— יהושע חיים: עס האט גארנישט מיט דער היסטערי' פון דער מת ע"פ הלכה איז דאס א דין פון א מת מצוה און מען דארף טין וואס מען קען עס זאל נישט צוקומען צו ניוול המת און אפילו א כהן גדול וואס צו זיין טאטע און מאמע טאר ער זיך נישט מטמא זיין דארף ער דא זיך מטמא זיין ווען עס איז נישט דא קיין צווייטע וואס זאל עס טין

מען טיט עס נישט פאר דער טובה פון דעם מת מען טוט עס ווייל אזוי דארף מען טון

— מבקר: וזה לשון הרמב"ם הלכות סנהדרין והעונשין המסורין להן, פרק ט"ו, הל' ח'

«ציטאט» ומצוות עשה לקבור את כל הרוגי בית דין ביום ההריגה, שנאמר: "כי קבור תקברנו ביום ההוא". ולא הרוגי בית דין בלבד, אלא כל המלין את מתו - עובר עליו בלא תעשה. (לא תלין נבלתו)

— געוואלדיג: שו"ע יו"ד סיק שס"ב סעי' א'

«ציטאט» הנותן מתו בארון ולא קברו בקרקע עובר משום מלין את המת. ואם נתנו בארון וקברו בקרקע אינו עובר עליו, ומכל מקום יפה לקברו בקרקע ממש אפילו בחוצה לארץ.

סי' שע"ד

«ציטאט» איזהו מת מצוה? שמצאו בדרך או בעיר של עובדי כוכבים, ואין לו קוברים, וממקום שמצאו אינו יכול לקרות ישראל שיענהו ויבא ליטפל בו ולקוברו -- אסור לו לזוז משם ולהניח את המת אפילו לילך לעיר להביא קוברים. אלא יטמא עצמו ויקברנו.

— שמערל: ער רעדט בכלל נישט פאר פייער און פאר וואסער, און אפילו אויב יא קענסטו נישט סתם אזוי שרייען פירסט פריאריטי, זייט מוחל ברענגט א ראיה ניתי ספר "ווען איך זע".
לענ"ד קומט דער דין פון מת מצוה בכלל נישט דא אריין, מת מצוה איז א חיוב ווען איינער שטויסט זיך אן אין א מת אינמיטן וועג פאלט אויף אים אליין ארויף דער חיוב עס צו באגראבן, און ער טאר עס נישט לאזן שימלען ווייטער.
ומשם ראיה אז דער מת מצוה איז דיקא נישט קיין חיוב אויף כלל ישראל נאר אויף דעם אדם פרטי, ווייל ער טאר ניטאמאל רופן אנדערע זאלן אים העלפן, וכש"כ אז אנדערע האבן נישט קיין שום חיוב אים צו קומען העלפן.

אויב קומט ער ממילא לקבורה אפילו אין א גויישע בית הקברות, האט לכאורה ער נישט קיין דין פון א מת מצוה, און אפילו אויב מען פארברענט אים איז אויך נישט אויסגעשלאסן אז עס הייסט א ניבול המת.

ווער רעדט נאך אויב איז ער א פרייער און דאס איז דער רצון המת איז נישטא קיין הוי' אמינא אז מיר זאלן האבן עפעס א התחייבות כלפיו, אויב ווען ער לעבט איז לא מורידין ולא מעלין פארוואס זאל ער באקומען א דין מורידין אין דער ערד אריין איינמאל ער איז טויט?

— דעת תורה: הבלים, ער טאר נישט לאזן דארט דעם נפטר איין רגע לענגער בבזיון, אודאי איז די מצוה אויף יעדן איינעם פונקט אזוי. און מ'ברויך אפילו נישט קיין ראיה דערצו, עס איז א דבר פשוט פאר יעדן חדר אינגל.

לגבי צי פארברענען איז א סתירה צו כבוד המת, האב איך טאקע געשריבן שיל"ע, אבער דאס איז א נקודה פאר זיך.

א פרייער איז אויך טעאראטיש א שיינע חקירה, נאר ממקומו הוא מוכרע אז דער פסוק לא תלין רעדט זיך פון אן עבריין א מגדף.

— בלויע רעקל: די פוסקים זאגן אז "לא תלין" גייט ארויף אויף א יעדע מת, און דער חינוך האלט אז עס איז א מצוה צו באגראבן דעם מת דעם זעלבן טאג

לגבי דער מעין שאלה, עס איז א בפירושער מחבר, (איך האב נישט די מקור יעצט) אז עס איז א מצוה, פון א לימוד פון א פסוק "קבור תקברנו ביום ההוא"

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9934.html

---

לוח

# יארצייטן פון דער וואך

י"ד–כ' טבת. די רשימה איז צוזאמגעשטעלט געווארן אויף היידפארק אין תשס"ד (2004), ווען די טעג זענען אויסגעפאלן אויף די זעלבע טעג פון דער וואך ווי הײ־יאר.

**פון כינר1**

היידפארק • חסידישע נייעס • „הילולא דצדקיא" • 4טן און 12טן יאנואר 2004
https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p6209975

---

### דאנערשטאג, י"ד טבת • 24סטן דעצעמבער

- הגאון ר' רפאל מאיר ב"ר יהודה פאניז'יל זצ"ל (בעמח"ס לב מרפא) • תרנ"ג
- הגאון ר' צבי ב"ר חזקיהו אברהם ברוידא זצ"ל אב"ד פתח תקוה • תש"ס
- הרה"ק רבי אלתר אלעזר מנחם ב"ר משה מרדכי בידרמן מלעלוב זי"ע • תשמ"א

### פרייטאג, ט"ו טבת • 25סטן דעצעמבער

- הרה"ק ר' רפאל מבערשד זי"ע תלמיד הרה"ק ר' פנחס מקאריץ זי"ע • תקפ"ז
- הרה"ק ר' חיים מרדכי ב"ר איתמר רוזנבוים מנדבורנה בני ברק זי"ע • תשל"ח
- הגאון ר' בן ציון משה מאיר ב"ר דוד מנדלבוים זצ"ל (בעמח"ס אור משה על הש"ס) • תשמ"ז

### שבת קודש, ט"ז טבת • 26סטן דעצעמבער

- הגאון ר' חיים ב"ר אברהם יוסף קרייזווירטה זצ"ל אב"ד אנטווערפן • תשנ"ב

### זונטאג, י"ז טבת • 27סטן דעצעמבער

- הרה"ק ר' יעקב ב"ר זאב קראנץ זי"ע המגיד מדובנא • תקס"ה
- הרה"ק ר' אפרים פישל מסטריקוב ב"ר יוסף יהודה אריה לייב (תלמיד המגיד ממעזריטש) זי"ע • תקפ"ב
- הרה"ק ר' ארי' לייבוש ב"ר חיים ליפשיץ מווישניצא זי"ע (בעמח"ס אריה דבי עילאי) • תר"י
- הגאון ר' פנחס ב"ר ישעי' אפשטיין זצ"ל ראב"ד ירושלים • תש"ל

### מאנטאג, י"ח טבת • 28סטן דעצעמבער

- האמורא רב הונא בר מר זוטרא זי"ע • ד"א ר"ל(א)
- ריש גלותא ורב משרשיא בר פקוד זי"ע • ד"א ר"ל(א)
- הרה"ק ר' צבי אלימלך מדינוב ב"ר פסח שפירא זי"ע (בעמח"ס בני יששכר אגרא דכלה ועוד) • ה"א תר"א
- הרה"ק ר' אלימלך מרידניק ב"ר מנחם יששכר בער ב"ר אלעזר ב"ר אלימלך מליזענסק (בעמח"ס נועם אלימלך) זי"ע • תר"י
- הרה"ק ר' משה מקאריסטשוב ב"ר מרדכי מטשערנוביל זי"ע • תרכ"ו
- הרה"ק ר' חיים שמואל ב"ר אליעזר הלוי הורוביץ מחנצ'ין זי"ע • תרע"ו
- הגאון ר' כלפון משה ב"ר שלום הכהן מג'רבה זצ"ל (בעמח"ס שואל ונשאל וברית כהונה) • תש"י

**דינסטאג, י"ט טבת • 29סטן דעצעמבער**

- הגאון ר' אריה לייב ב"ר יוסף הכהן הלר זצ"ל (בעמח"ס קצות החושן, אבני מילואים, שב שמעתתא) • תקע"ג
- הרה"ק ר' יעקב אב"ד קאלבסוב ומעליץ ב"ר נפתלי צבי מרופשיץ זי"ע • תקצ"ט
- הרה"ק ר' אברהם שמואל בנימין (בעמח"ס כתב סופר) ב"ר משה סופר מפרעשבורג (בעמח"ס חתם סופר) זי"ע • תרל"ב
- הגאון ר' משה ב"ר שמואל סוקולובסקי זצ"ל ר"מ בריסק דליטא (בעמח"ס אמרי משה) • תרצ"א

**מיטוואך, כ' טבת • 30סטן דעצעמבער**

- הנשר הגדול רבינו משה בן מיימון זי"ע הרמב"ם (בעמח"ס היד החזקה, מורה נבוכים ועוד) • ד"א תתקס"ה
- הרה"ק ר' יוסף יוסקא מלעשקאביץ ב"ר שמשון מאוזיריאן זי"ע • תרי"ח
- המקובל רבי יעקב ב"ר מסעוד אבוחצירא זי"ע • ה"א תר"מ
- הרה"ק ר' שמחה ישכר דוב בער מציעשינוב (בעמח"ס דברי שמחה) ב"ר יחזקאל שרגא הלברשטאם משינאווא (בעמח"ס דברי יחזקאל) זי"ע • תרע"ד
- הגאון ר' רפאל אליהו אליעזר מישקובסקי זצ"ל ראש ישיבת כפר חסידים • תשמ"א

---

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

ווער האט גע'הרג'ט עשו, וואס טייטשט „ויאסף אל עמיו“, און א נייער נוסח פאר „חזק חזק ונתחזק“.

## „ווער האט גע'הרג'ט עשו?“

**פענסטער:**

ווער האט גע'הרג'ט עשו?

**שייןהויך:**

לפי המדרש, האט חישום דער זון פון דן, וואס איז געווען טויב (דערבוער הייסט ער חישים), געזען אז דער עשו האלט אפ פון באגראבן יעקב אין דעם מערת המכפילה, האט ער אראפגעהאקט זיין קאפ, און דאס איז אריינגעפאלן אין דער מערה.

אין די חסידישע ספרים ווערט דערפון ארויסגעלערנט, אז די קאפ פון עשו איז געווען זייער הויך, אויב וואלט ער געווען ערליך וואלט ער געווען העכער ווי יעקב.

**פענסטער:**

שיין הויך;

חישום? איך מיין אז דו האסט נישט גוט אויסגעלייגט דעם ווארט. און וואס האט דאס מיט טויבקייט? חרש מיינט א טויבער, נישט חישום.

בכלל שטייט דאס נישט נאר אין מדרש, נאר עס איז א גמרא אין מסכת סוטה, אבער ווען דאס וואלט געווען דער איינציגער תירוץ, פארשטיי אליין אז איך וואלט דאס נישט געפרעגט, מיר לערנען נישט עברי דא.

הײדפארק • „=== פרשת ויחי ===“ • 10טן–11טן יאנואר 2006
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1757357.html#p-1757357

## „ויאסף אל עמיו“ — וואס טייטשט עס?

**מפוזרי:**

וואס טייטשט 'ויאסף אל עמיו'?

**בן אדם:**

וואס טייטש וימת? און וואס טייטש ויגוע?

**מפוזרי:**

וימת - און ער איז געשטארבן
ויגוע - ער איז אויסגעגאנגען
ויאסף אל עמיו - ער איז אריינגענומען געווארן צו זיין פאלק

**בן אדם:**

אפשר מיינט ויגוע געשטארבן און וימת אויסגעגייינגען?

קאווע שטיבל • „פארוואס ווערט נאר דערמאנט שכר עולם הזה אין די תורה“ • 16טן נאוועמבער 2017
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/899-2.html#p389343

## „חוזק, חוזק ונתחוזק“

**רויטע וואנצעס:**

דער רבי האט געהייסן איבערגעבן אז לכבוד די חווק וואס מ'מאכט פונעם ק"ש ציבור, זאל מען נאכן לייענען די וואך אנשטאט שרייען, חזק, חזק ונתחזק, זאל מען שרייען חווק, חוזק, חוזק ונתחוזק.

קאווע שטיבל • „כ"ק אדמו"ר מ'מילק שעיק וועט נישט זיין חנוכה אין פאר-ראקעוועי“ (א שפאס-אשכול) • 11טן מערץ 2016, ערב שבת פקודי
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2367-8.html#p324395

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

„אמת45“ האט אויף קאווע שטיבל געשריבן אן עסיי איבער פרשת ויחי: אלעס דרייט זיך ארום יוסף – זענען די ברידער ענדערש געדערכט געווען מיט זייער שנאה? און פארוואס האט זייער פרוואוו אים צו פארמיידן פונקט געברענגט וואס זיי האבן מורא געהאט? „מי אני“ האט צוגעלייגט:

עס איז אויך אינטערעסאנט צוצושטעלן דערצו די סטרייסאנד עפעקט. דאס לויטעט אז דאס פרובירן צו אונטערדריקן און סופרעסן אינפארמאציע קען האבן דאס פונקט פארקערטע עפעקט און דאס דייקא ברענגען אויפמערקזאמקייט וכו' דערצו. ביי דער מעשה פון יוסף טרעפט מען ענליך. דהיינו, אז דאס'ן דאס פרובירן צו פארמיידן [אים פארקויפן צו מצרים וכו'] אט דאס האט טאקע צוגעברענגט דערצו אז דאס וואס זיי האבן געוואלט פארמיידן איז צושטאנד געקומען.

**מי אני** • קאווע שטיבל • 1טן יאנואר 2021

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14405.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | „פונעם אייביקן קוואל: ויחי“ · **מ. אלקין**<br>היידפארק · האלט דא טראכט מען · אשכול „פרשת ויחי“ · 12טן יאנואר 2009<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/2556862.html#p-2556862 |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | „„בקש לגלות את הקץ“ – מעג מען רעכענען דעם קץ?“ · **כרם זית, מי אני, מנחם ציון און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „מחשבי קיצים“ · 13טן אויגוסט 2020 – 25סטן דעצעמבער 2023<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14109.html#p456414 |
| **הלכה־שמועס** | „צוואה פונעם זיידן – מוז מען פאלגן?“ · **שערי יושר, berlbalaguleh, וואלווי און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „צוואה פונעם זיידען“ · 18טן–19טן אפריל 2023<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16072.html#p521612 |
| **תורה און וויסנשאפט** | „ווען איז ניטל? – יוליוס, גרעגארי און שמואל'ס תקופה“ · **קאך_לעפל**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „ווען איז ניטל?“ · 25סטן–28סטן דעצעמבער 2020<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14391.html#p464653 |
| **אנשי שם • צו כ' טבת** | „„ואני שוכן במצרים“ – דעם רמב"ם'ס סדר היום“ · **צדיקל און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „סדר היום פונעם רמב"ם“ · 2טן–3טן יאנואר 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2663.html#p74827 |
| **הומאר** | „„ויחי יעקב“ – הספדים אויף א מנהל“ · **התאחדות, פענסטער, קרעמער און משנה_למלך**<br>היידפארק · היימישע קרעטשמע · אשכול „הספדים ודברי הזכרה“ · 13טן–18טן יאנואר 2006<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1761906.html#p-1761906 |
| **היינט מיט 13 יאר צוריק** | „היכי תמצי – דאווענען פינעף מאל מנחה“ · **נהורא נפישא** · קאווע שטיבל · א שמייכל · 24סטן דעצעמבער 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5498.html |
| **היינט מיט 11 יאר צוריק** | „א מת־מצוה אדער א מצוה־מת?“ · **יהושע חיים, מבקר, שמערל און אנדערע** · קאווע שטיבל · געזעלשאפט · 24סטן דעצעמבער 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9934.html |
| **יארצייטן פון דער וואך** | **כינר1** · היידפארק · חסידישע נייעס · „הילולא דצדקיא“ · 4טן און 12טן יאנואר 2004<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p6209975 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„ווער האט געהרג'ט עשו?““ · **פענסטער / שייזהויף** · היידפארק · „=== פרשת ויחי ===“ · 10טן–11טן יאנואר 2006<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1757357.html#p-1757357 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„ויאסף אל עמיו“ – וואס טייטשט עס?“ · **מפוזרי / בן אדם** · קאווע שטיבל · „פארוואס ווערט נאר דערמאנט שכר עולם הזה אין די תורה“ · 16טן נאוועמבער 2017<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/899-2.html#p389343 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„חזוק, חזוק ונתחזוק““ · **רויטע וואנצעס** · קאווע שטיבל · „כ"ק אדמו"ר מ'מילק שעיק וועט נישט זיין חנוכה אין פאר-ראקעוועי“ (א שפאס־אשכול) · 11טן מערץ 2016, ערב שבת פקודי<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2367-8.html#p324395 |
| **די תגובה פון דער וואך** | **מי אני** · קאווע שטיבל · 1טן יאנואר 2021<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14405.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** מאנטאג, דעם 28סטן דעצעמבער – נומער 20; דאנערשטאג, דעם 31סטן דעצעמבער – נומער 21, אויף פרשת שמות.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.